**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/27/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט עקסעלסיאר סקאלערשיפ אפליקאציע אפן פאר נייע אפליקאנטן פאר פרילינג 2023

### *SUNY און CUNY סטודענטן וועמענס פאמיליעס פארדינען ביז $125,000 יערליך קענען זיך איינגעבן פאר קאלעדזש אן קיין שכר לימוד קאסטן*

### *אפליקאציעס אנגענומען ביז פעברואר 9, 2023*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די אפליקאציע פאר דעם עקסעלסיאר סקאלערשיפ פאר נייע אפליקאנטן פאר דעם פרילינג 2023 טערמין איז יעצט אפן [דא](). דער ׳עקסעלסיאר׳ סקאלערשיפ, אין צוזאמענהאנג מיט אנדערע סטודענט פינאנציעלע הילף, ערמעגליכט פול-צייטיגע סטודענטן צו שטודירן ביי א SUNY אדער CUNY צוויי-יעריגע אדער פיר-יעריגע קאלעדזש אן קיין שכר לימוד קאסטן.

"פון עס אנהויבן, האט די עקסעלסיאר סקאלערשיפ ערמעגליכט צענדליגע טויזענטער סטודענטן פון נידריגע און מיטל-איינקונפט פאמיליעס די געלעגנהייט צו ערגרייכן א קוואליטעט עדיוקעישען אן קיין שכר לימוד," **האט גאווערנער** האקול געזאגט. "מיט פארלייכטערן די פינאנציעלע פעקל פארבינדן מיט די פרייז פון שטודירן אין קאלעדזש, קענען סטודענטן און זייערע פאמיליעס זיך איבערגעבן צו זייער עדיוקעישאן, געבנדיג פאר ניו יארק׳ס סטודענטן יעדע מעגליכע געלעגנהייט צו ארויפצוקריכן דעם לייטער פון הצלחה."

סטודענטן פון הויזגעזינדער מיט פעדעראלע אדזשאסטעד גראס איינקונפט פון ביז $125,000 זענען בארעכטיגט פאר א פרילינג עקסעלסיאר סקאלערשיפ גרענט. סטודענטן מוזן אויך:

- פלאנירן צו שטודירן ביי א SUNY אדער CUNY צוויי אדער פיר-יעריגע קאלעדזש
- ענדיגן 30 קרעדיטס פער יאר צו זייער שטודיר פראגראם (אריינגערעכנט זוממער און ווינטער טערמינען); און
- זיין אויפ׳ן וועג צו גראדואירן באצייטנס מיט אן אסאסיעט דעגרי אין צוויי יאר אדער א בעטשלער׳ס דעגרי אין פיר יאר

**דר. גיולערמא לינארעס, פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט העכערע עדיוקעישאן סערוויסעס קארפאראציע האט געזאגט,** "די פרייז צו שטודירן אין קאלעדזש איז אפט מאל אן אפהאלט פאר סטודענטן פון נידריגע און מיטל-איינקונפט פאמיליעס וועלכע ווילן שפירן די בענעפיטן וואס קומען פון פארדינען א פאסט-סעקאנדערי דעגרי אדער קרעדענשעל. די עקסעלסיאר סקאלערשיפ געבט די געלעגנהייט פאר סטודענטן וואס, אן פינאנציעלע הילף, האבן נישט גרייט די געלט צו באקומען א קאלעדזש דעגרי."

**SUNY אינטערים טשאנסעלאר דעבארע פ. סטאנלי האט געזאגט,** "די אינפארמאציע ווייזט קלאר אז א קאלעדזש דעגרי איז דאס בעסטע מיטל פאר זיך ווייטער רוקן - העכערן די כח פון פארדינען, פארברייטערן קאריערע געלעגנהייטן, און אפילו פארלענגערן אייער לעבן. אבער די געלעגנהייט בלייבט אוממעגליך פאר צופיל מענטשן. די עקסעלסיאר סקאלערשיפ העלפט אדרעסירן די קאלעדזש פארמעגליכקייט פראבלעם, וואס פארשטערקערט SUNY'ס לאנגשטייענדע איבערגעגעבנקייט צו געבן א וועלט-קלאסיגע עדיוקעישאן מיט'ן אוועקנעמען פינאנציעלע שטערונגען פאר סטודענטן וואס ארבעטן שווער איבער די גאנצע סטעיט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס אנגייענדע באמיאונגען צו העלפן מער ניו יארקער פארדינען און בענעפיטירן פון א SUNY עדיוקעישאן."

**CUNY טשאנסעלאר פעליקס וו. מאטאס ראדריגעז האט געזאגט,** "די עקסעלסיאר סקאלערשיפ פראגראם האט געהאלפן CUNY'ס פרואוון צו פארברייטערן עדיוקעישאנעל געלעגנהייט און צוטריט פאר ניו יארק פון אלע הונטערגרונדן. עקסעלסיאר האט שוין געגעבן טויזנטער CUNY סטודענטן די געלעגנהייט צו שטודירן אין קאלעדזש אן קיין שכר לימוד, צו עפענען די טיר צו עדיוקעישאנעל עררייכונג, קאריערע הצלחה און, צום סוף, עקאנאמישע און געזעלשאפט עררייכונג. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר ווייטערדיגע אנערקענונג אין די אומשאצבארע ווערד און וויכטיגקייט פון העכערע עדיוקעישאן פאר אלע ניו יארקער."

די עקסעלסיאר סקאלערשיפ איז בלויז איינס פון די פילע וועגן וואס ניו יארק סטעיט מאכט קאלעדזש פארמעגליך און צוגענגליך. קוקט איבער די ניו יארק סטעיט העכערע עדיוקעישאן סערוויסעס קארפאראציע וועבסייט צו זען אנדערע איסוואלן אוועילעבל צו העלפן צאלן פאר קאלעדזש.

די פרילינג 2023 עקסעלסיאר סקאלערשיפ איז אפן פאר סטודענטן וואס גייען אריין אין קאלעדזש די ערשטע מאל אין די פרילינג 2023 טערמין און יעצטיגע קאלעדזש סטודענטן וועלכע האבן קיינמאל נישט באקומען די עקסעלסיאר סקאלערשיפ. סטודענטן וועלכע באקומען יעצט אן עקסעלסיאר סקאלערשיפ דארפן נישט אויספולן די אפליקאציע צו באקומען ווייטערדיגע גרענט באצאלונגען. סטודענטן בארעכטיגט פאר דעם עקסעלסיאר סקאלערשיפ אונטער דעם סענאטאר האזע פעראלטא ניו יארק סטעיט DREAM אקט קען זיך איינגעבן דא.

**אפליקאציעס וועלן ווערן אנגענומען ביז פעברואר 9, 2023.**

###